ישראל שטערן

# וואס לאזט איהר, פאעטען, דעם פריהלינג נישט אב?

אז די פרייד הענגט גלייך, ווי א ווירע
צווישען דעם וואלקען און דעם סאמאכאד,
אז דער זון איז צו ענג איהר הימלישע דירה
און זי וואוינט אין מענש'ס אויג, אין די האר, אין זיין טראט, —

וואס טשעפעט עס אייך, פאעטען!

אז טאג זעהט שוין אין שלאף נישט קאשטאר פון שניי, קעלט:
מען האט איהם פון הארץ זיין האנד אפגענומען.
אז א בוך מיט א גאלדענעם ראנד איז די וועלט,
אז די נעכט זענען גרינע צועפענטע בלומען, —

וואס טשעפעט עס אייך, פאעטען!

אז איינעם א מענש האט דער נווארימער טאג
זיין לעצטע ליבע געבראכט א מתנה,
און ער לאזט זיך שפרינגען פון דעם פערטען שטאק
צו כאפען זיין טרוים וואס זיצט אין דער לבנה

ווי א שפילקע אין א קראוואט.
און א וואך צוריק האט ער אזוי קלוג געלאכט
פון דיכטער וואס ליניעווען און צירקלען אקוראט
די מינוט און די רגע ווען דער פריהלינג דערוואכט.

אז קראנקע שטעלען ביים פענסטער די בעטען,
אז דארשטיגע זופען קעלערם דעם פריהלינג, ווי וויין, —
וואס געהט עס אייך אן? — הערי, פאעטען,
פון אייך וועט שוין קיינמאל קיין ליוט נישט זיין.

וואָס לאָזט איר, פּאָעטן, דעם פֿרילינג נישט אָפּ?

דער מאָמענט (וואַרשע, 1910–1939)

27, נומ' 139, יוני 17, 1938, ז' 9